# קימפעטארין העלט קעיר צווישן ניו יארקע אימיגראנטן[1]

צוטריט צו העלט קעיר בעפארן, דורכאויסן און נאכן זיין טראגעדיג גיבט פרויען[2] א געזונטערע ערפארונג ביים זיין טראגעדיג און ביי די געבורט און אזוי אויך די מעגליכקייט צו אנהאלטן זייער געזונטהייט נאכן זיין טראגעדיג. אבער יעצטיגע Medicaid רעגולאציעס באגרעניצן צוטריט צו העלט קעיר פון פרויען בעפארן און נאכן זיין טראגעדיג געוואנדן אויף זייער אימיגראציע סטאטוס.



### אין פארגלייך צו פרויען וועלכע זענען געבוירן געווארן אין די פאראייניגטע שטאטן, זענען פרויען וועלכע זענען אימיגראנטן:

- **ווייניגער ווארשיינליך** צו האבן א באזוך ביי א פאמיליע דאקטאר אדער פרויען דאקטאר (obstetrician/gynecologist, OB/GYN) בעפארן זיין טראגעדיג
- **ווייניגער ווארשיינליך** צו באזוכן א דענטיסט בעפארן אדער נאכן זיין טראגעדיג
- **מער ווארשיינליך** צו פארלירן העלט אינשורענס נאך די געבורט

### פרויען וועלכע זענען אימיגראנטן קענען אויך האבן ווייניגער צוטריט צו קימפעטארין העלט קעיר אויב זיי:

- זענען געווען אין די פאראייניגטע שטאטן פאר ווייניגער פון פינף יאר
- האבן אימיגרירט פון צענטראל אמעריקע, דרום אמעריקע, סוב-סאהארא אפריקע אדער דרום אזיע

### וואס קענט איר טוהן פאר זיך אליין אדער פאר אייער קאמיוניטי?

לערנט מער איבערן צוקומען צו העלט קעיר סערוויסעס בעפארן, דורכאויסן אדער נאכן זיין טראגעדיג דורך די פאלגנדע סערוויסעס און פראגראמען:

- באזוכט **nyc.gov** און זוכט פאר **"Everyone Can Get Health Care Services in NYC" (יעדער קען באקומען העלט קעיר סערוויסעס אין NYC)** פאר אינפארמאציע איבער אייער רעכט צו באקומען העלט קעיר אין NYC אפגעזעהן פון אימיגראציע סטאטוס אדער מעגליכקייט צו צאלן.
- באזוכט **nyc.gov/ochia** און זוכט פאר **"immigrants" (אימיגראנטן)** אדער **"pregnant" (טראגעדיג)** צו לערנען איבער העלט אינשורענס אפציעס פאר ניו יארקער וועלכע זענען אימיגראנטן אדער טראגעדיג.
- באזוכט **nyc.gov/health** און זוכט פאר **"health insurance enrollment support" (העלט אינשורענס איינשרייבונג שטיצע)** פאר הילף זיך איינצושרייבן פאר העלט אינשורענס.
- באזוכט **nyc.gov/health** און זוכט פאר **"respectful care at birth" (רעספעקטפולע קעיר ביי געבורט)** צו לערנען מער איבער די **NYC סטאנדארטן פאר רעספעקטפולע קעיר ביי געבורט (NYC Standards for Respectful Care at Birth).**
- באזוכט **nyc.gov** און זוכט פאר **"Services for Recently Arrived Immigrants" (סערוויסעס פאר לעצטנס-אנגעקומענע אימיגראנטן)** צו צוקומען צו סערוויסעס פאר לעצטנס-אנגעקומענע אימיגראנטן אדער פליטים.
- באזוכט **nyc.gov** און זוכט פאר **"actionNYC"** אדער רופט 800-354-0365 פאר אומזיסטע און זיכערע לעגאלע הילף מיט אימיגראציע.
- לערנט מער איבער וויאזוי צו שתדל'ן פאר פאליסיס וועלכע קענען האבן א השפעה אויף אייער קאמיוניטי און פארבעסערן די געזונטהייט ציפערן, באזוכט **everymothercounts.org/advocacytoolkit.**
- באזוכט **nyam.org/hd4nyc/our-work** פאר אינפארמאציע איבער געזונטהייט ציפערן פאר ניו יארק סיטי (Health Data for New York City) פראיעקטן.

---

[1]די צעטל שטעלט פאר רעזולטאטן פון די פאלגנדע געזונטהייט ציפערן פאר ניו יארק סיטי פארשונג פראיעקט, וואס נוצט ציפערן פון די סכנות אפשאצונג ביים זיין טראגעדיג נאכפאלגונג סיסטעם (Pregnancy Risk Assessment Monitoring System, NYC PRAMS), 2016-2018: Maru S, Glenn L, Belfon K, et al. Utilization of maternal health care among immigrant mothers in New York City, 2016-2018. *J Urban Heal*. 2021 https://doi.org/10.1007/s11524-021-00584-5

[2]סורוועי אנטיילנעמער זענען נישט געפרעגט געווארן איבער זייער דזשענדער אידענטיטעט; צוליב די באגרעניצונג באציהען זיך די ווערטער "פרוי" און "קימפעטארין" אין די צעטל צו סיי וועלכע מענטש וואס קען ווערן טראגעדיג.

NYC Health